# טרוים קאַץ הענדלער
# פֿון איר סעריע ליבעלידער „שׂמחה״

358
שבת, דעם 4טן מערץ
פֿאַר דיר, שׂמחהניו, מײַן בליציקער קריסטאַל

## אין אויסבײַט-פֿלוימאַרק

כ׳שפּאַציר
מיט מײַן חבֿרטע כאַשע,
מיט איר און מיט דיר,
צווישן ליוסטערע וואַנטלײַכטער
וואָס גליִען מיט זכרונות
אין אַ טעאַטער-ראַמע
פֿון פּיראָטעכניקע שאָטנס;
זכרונות וואָס שײַנען, בליצן,
בלאַנקען און באַהיצן;
גלאַנצן, פֿינקלען,
גלימערן און באַשיצן;
בריליאַנטעוועז, ברענען,
פֿלאַמען, און פֿאַרנעמען —
צעשטראַלן זיך
דורכזיכטיק, ציכטיק —
אילומינירן
מיט דײַן פּנים,
דײַנע אויגן,
דײַנע ווערטער,
דײַן גוף;
און איך ווער צוריקגעצויגן,
גיי נאָך אַ מאָל
דורך אונדזערע ערטער,
פֿאָלג נאָך דײַן בליציקן קריסטאַל:
דו ביסט אומעטום,
אין די שטאַלן
מיט בורשטיין,
שישקאַבאָב,
זייגערלעך,
און פּענעץ —

זי איז לעבן מיר,
איך בין לעבן דיר.

פֿרײַטיק, דעם 21סטן אַפּריל
פֿאַר דיר, שׂמחהלע, מײַן גרינגע גאולה

# פסח-מחשבֿות

ביסט מײַן באַשערטער,
מײַן זיווג-מין-השמים,
מײַן משה-רבינו
וואָס פֿירט מיך פֿון מצרים.

קאָקעטיש און פּאָעטיש
טרינק איך לחיים
צו אונדזער צוזאַמענזײַן
אין דמיונדיקן ירושלים.

דאָנערשטיק, דעם 27סטן יולי
פֿאַר דיר, שׂמחהשי, מײַן רעזערוווּאַר

# ים-שפּיל

מיר שפּילן זיך מיט שפּראַך,
אי ווערטלעך אי תּנ״ך,
און לאַכן אַ סך.
מיר שמועסן פֿון ייִדיש
און "לאָקשן-קודש",
אויך ווערטער אויף גוייִש.

נעכטן האָבן מיר גערעדט
פֿון אַ ים-הינטל,
אַ ים-פֿערדל,
אַ ים-חזירל,
און אַנדערע באַשעפֿענישן
אין ים-טיפֿענישן.

ווו דו ביסט איז מײַן ים-פּאָרט,
אין פֿאַנטאַזיע פֿאָרן מיר דאָרט;
אין אַלע זיבן ימען
זײַנען מיר ים-מאַן — ים-מיידל
און ציִען יעניקע צוזאַמען,
נישט בנשיקה.

דינסטיק, דעם 12טן סעפּטעמבער
פֿאַר דיר, שׂמחהלע, מײַן באַליבטער קונצן-מאַכער

# דראָטן-טענצער

מיר זײַנען דראָטן-טענצער
וואָס וועטן אויף פֿײַער פֿערדלעך
מיט זײַדענע טריט
פֿון מזרח-מערבֿ און צוריק.

מיר זשאָנגלירן, געווינען,
געפֿינען פֿאַרגעניגן
אין ליבעס פֿריילעכן ניגון
און בלײַבן אַנטשוויגן.

מיר באַנײַען כּסדר
דעם באַגער און די פֿרייד
מיט ליבינקע ווערטער,
האָקוס-פּאָקוס, און רייד.

דאָנערשטיק, דעם 21סטן סעפּטעמבער
פֿאַר דיר, שׂמחהשי, מײַן בעל-גליק

## מײַן טשעמפּיִאָן

די בעט איז אונדזער שפּילפּלאַץ,
אונדזער אַטלעטיש פֿעלד,
דו ביסט מײַן אָלימפּישער ספּאָרטסמאַן,
מײַן טשעמפּיִאָן-העלד.

אַ ביסל אַקראָבאַטיק
מיט שוואַרצקינצלערײַ;
פֿון טעם-גן-עדן
טוען מיר נישט שיידן.

מיר׳ן זיך זופּן ווי הייסע לאָקשן,
גליקלעך ווי די וועלט,
זיך אופֿעסן ווי צוקער-לעקעך
אין אונדזער ספּאָרט-געצעלט.